# מאַנדלברויט

## פֿון יוגנטרוף־ייִדיש־וואָכניקעס, 2013
### רפֿאל פֿינקל, רעדאַקטאָר

אַ מאָל געווען אַ פֿליִענדיקער רעדנדיקער פֿיש.
„מאַנדלברויט, מאַנדלברויט! האָט זיך מיר דערשמעקט!״
ער האָט געזען פֿריש מאַנדלברויט וואָס שפּרינגט אַראָפּ פֿון טיש
געיאָגט האָט ער נאָך דעם געבעקס, די פֿינגערלעך געלעקט.

די באָבע האָט דאָס מיר דערציילט, קיין ליגן זאָגט זי ניט.

אַ פֿאַלנדיקער שטערן איז געשווומען מיר אין קיך.
„מאַנדלברויט, מאַנדלברויט! האָט זיך מיר דערשמעקט!״
ער האָט געהערט די מאַנדלברייטלעך רעדן צווישן זיך,
„געוואַלד! ער וועט אונדז עסן! לאָמיר קײַקלען גיך אַוועק!״

די באָבע האָט דאָס מיר דערציילט, קיין ליגן זאָגט זי ניט.

אַ בלינדער שוחט מיט אַ האַק לויפֿט נאָך אַ ווילדן פֿערד,
„מאַנדלברויט, מאַנדלברויט! האָט זיך מיר דערשמעקט!״
ער האָט דערטאַפּט דעם פֿערדס אַן עק, וואָס פֿאַלט צו אויף דער ערד.
בעסער עסן מאַנדלברויט, ס׳איז כשר און פּערפֿעקט.

די באָבע האָט דאָס מיר דערציילט, קיין ליגן זאָגט זי ניט.

מאַנדלברויט, מאַנדלברויט! האָט זיך מיר דערשמעקט!
מאַנדלברויט, מאַנדלברויט! האָט זיך מיר דערשמעקט!